STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02295

YUDISHE MOTIVEN

Abraham Reisen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „ציון".

פאלקס־ביבליאטהעק

אברהם רייזען

יודישע מאטיווען

פרייז 50 העללער.

וויען, תרס"ה.

VERLAG „ZION". WIEN, II/3, STEFANIESTRASSE 12.

דרוק פֿון יוסף פֿישער קראקױ, גראָדגאססע 62.

אינהאלט:

1 וואו נעמט מען 1

2 דער נעבעל 3

3 די מוטער צום קינד (פֿאָלקסמאָטיוו) 4

4 ליעבע זון! 5

5 הערבסט=געזאנגען 6

6 כ'האָב געזעהן דעם אָדלער 8

7 אָנגעגומען זיך מיט צער 9

8 צו דיר קום איך... 10

9 נאָך צווייגען 11

10 אין דער זומער וועלט פֿערשוואונדען 13

11 אוי, די איינציג=ווייסע האָר 14

12 תשליך 16

13 אין פֿעלד 18

14 בעגראָבען 20

15 דער מגיד 21

16 דער סוד 23

17 וואָס שטעהט אונז נאָך פֿאר? 24

18 אָ, גיכער משיח!... 26

19 עהרליכע אַרבייט 27

20 ביי דעם גאָרטען 28

21 אַ חלום אויפֿ'ן וואָהר 29

22 מיך ציהט 31

23 די פֿריהלינג=זונן 32

24 איך ווייס ניט... 32

25 זעה, דער הימעל... 33

26 הערבסט (פֿאלקס־מאָטיוו) 34

27 דאָס נייע ליעד 35

28 דער נס 36

29 פֿאָלקס־מאָטיוו 37
30 איז אוועק צום קריעג דער מלך 38
31 מיר ברעכען 40
32 די דריי ציגיינער 41
33 מיין געליעבטע 43
34 דאס בוימעלע 44
35 נאָכגעאהמט 45
36 די קירכען גלאָקען 46
37 מיין צוריקקעהר אַהיים (פאעמע) . . . . 48—64

וואו נֶעמְט מֶען ?

עֶס אִיז מִיר גֶעוָוארֶען שׁוֹין מִאוּס
אִין גַאנְצֶען דִי וֶועלְט ;
וואו נֶעמְט מֶען אַבִּיסְל נְבִיאוֹת
אָהֶן גֶעלְד ?...

וואו נֶעמְט מֶען אַבִּיסְל נְבִיאוֹת
אַזוֹי וִוי אַמָאל ;
דָאס וָוארְט זָאל דָארְט פְּלִיעסֶען מִיט חִיוּת
אוּן קְלָאר וִוי קְרִיסְטָאל.

דֶער נָבִיא זָאל דַאמָאלְס נִיט טְרַאכְטֶען
פוּן רוּהם אוּן פוּן נוּץ —
עֶר זָאל נָאר דָאס בֵּייזֶעס פַארְאַכְטֶען
אוּן וֶועקֶען צוּ גוּטְס ;

עֶר זָאל אִין דִי הֶערְצֶער נָאר צִינְדֶען
דֶעם גֶעטְלִיכֶען פְלַאם.

ווִי רוֹיךְ זָאל פוּן דָארְטֶען פַארְשְׁווִינְדֶען

דֶער טַייוְולִשֶׁער סַם !

וואוּ נֶעמְט מֶען אַ נָבִיא פוּן אוֹיבֶּען

אַ הֶער־צוּ גֶעשִׁיקְט,

עֶר זָאל אוּנְז אַבִּיסֶעל דֶערְהַייבֶּען —

מֶען ווֶערְד דָאךְ דֶערְשְׁטִיקְט !...

דֶער נֶעבֶּעל.

וָואס זָאל עֶס בֶּעדַייטֶען דֶער נֶעבֶּעל,
וָואס הֶענגְט אַזוֹי דִיכְט אוֹיף דֶער שְׁטָאדְט ?
צוּ ווִיל שׁוֹין דָאס שְׁטִיקֶעלֶע הִימֶעל
אַוֶועקְרוֹיבֶּען אוֹיךְ פוּן אוּנְז גָאט ?

צוּ ווִיל עֶר פֶערְשְׁטֶעלֶען דָאס פָּנִים
פוּן מֶענְשֶׁען, וָואס גֶעהֶען אִין גַאס,
אוּן זֶעהְן זָאל נִיט אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטֶען,
דִי בְּלִיקֶען, דִי בֵּייזֶע, פוּל כַּעַס ?..

צוּ אִיז אִיהם דִי זוּנְן שׁוֹין אַ שָׁאדֶען,
וָואס לוֹיכְט נָאר צוּ גְזֵלָה אוּן זִינָה,
אוּן הָאט זִי פוּן מֶענְשֶׁען פֶערְהַאנְגֶען
מִיט נֶעבֶּעל גֶעדִיכְטֶען אַצִינְד ?...

וָואס זָאל עֶס בֶּעדַייטֶען דֶער נֶעבֶּעל,
וָואס הֶענְגְט אַזוֹי טְרוֹירִיג אוּן שְׁוַוארְץ ? —
אַיין אֵימָה בֶּעפַאלְט מַיין נְשָׁמָה,
עֶס צַאפֶּעלְט אוּן צִיטֶערְט מַיין הַארְץ...

דִּי מוּטֶער צוּם קִינְד.

(פֿאָלקס מאָטיוו).

שְׁלָאף נָאךְ, שְׁלָאף נָאךְ, לִיעבֶּעם קִינְד –
דְרוֹיסֶען אִיז אַ פְּרָאסְט, אַ וִוינְד!
גָאט זָאל זִיךְ דֶערְבַּארֶעמֶען,
גָאט זָאל אוּנְז דֶערְוַוארֶעמֶען.

אָ, דֶער וִוינְטֶער שְׁרֶעקְט מִיךְ, שְׁרֶעקְט –
לִיעג, מַיין קִינְד, נָאךְ אַיינְגֶעדֶעקְט –
שְׁלָאף נָאךְ, אָרִים־פֵּייגֶעלֶע,
עֶפֶען נִיט דַיין אֵייגֶעלֶע.

וֶועסְט דֶערְזֶעהֶן אַ קַאלְטֶע וֶועלְט
דוּרְךְ אִין וַוייסֶען אָבְּגֶעמֶעלְט.
הָאלְץ אִין שְׁטוּבּ קֵיין שֵׁייטֶעלֶע
אוּן קֵיין גֶעלְד אִין בֵּייטֶעלֶע.

נִיט גֶעקָאכְט, אוּן נִיט גֶעהֵייצְט,
קֶעלְט אוּן הוּנְגֶער דְרִיקְט אוּן רֵייצְט;
שְׁלָאף מַיין קִינְד, פֶערְפְרָאהְרֶענֶע,
אָרִימֶע, פֶערְלָאהְרֶענֶע!...

לִיבֶּע זוּן! אִין ווִינְטֶער קוּם!
ווּמֶער מִיט דִי פִיעלֶע שְׁטְרַאהְלֶען
בִּיזְטוּ מִיר צוּ לַאסְט גֶעפַאלֶען,
אוּן אִיךְ בְּלַאנְזְשֶׁע מִיד אַרוּם.

זוּן! אַ שְׁטְרַאהְל אִין ווִינְטֶער שִׁיק!
ווִינְטֶער אִיז דַיין שְׁטְרַאהְל מִיר נוֹיטִיג —
עֶרְד אוּן הִימֶעל — קַאלְט אוּן קוֹיטִיג
אוּן אֵיין שְׁטְרַאהְל אִיז שׁוֹין אַ גְלִיק!

*

קִינְד! אִיךְ רוּף דִיךְ אִין מַיין צַעַר —
ווֶען אִיךְ לֶעבּ אִין פֶערְגֶענִיגֶען
הָאבּ אִיךְ נִיט קֵיין לוּסְט דִיךְ קְרִיגֶען,
נִיט אִיךְ ווִיל אוּן נִיט אִיךְ גַאר.

לִיעבֶּעס קִינְד! אִין עֶלֶענְד קוּם,
ווֶען אִין הַארְצֶען דְרִיקְט דֶער יָאמֶער
אוּן אִין מֹחַ קְלַאפְּט דֶער „טָאמֶער" —
נֶעם אִיךְ פֶּעסְט דִיךְ, פֶעסְט אַרוּם!...

הֶערְבְּסְט־גֶעזַאנְגֶען.

I.

ס'אִיז דֶער הֶערְבְּסְט גֶעקוּמֶען,
ס'וֶועלְקֶען בּוֹים אוּן בְּלוּם;
גֶעלֶע בְּלֶעטֶער וֶוע אִיךְ
וַואלְגֶערֶען זִיךְ אוּם.

ס'קוּמְט אַ ווִינְד אַ קַאלְטֶער
פַּייפְט אַ לִיעדֶעל צוּ
אוּן דִי אָרְמֶע בְּלֶעטֶער
הָאבֶּען נִיט קֵיין רוּה:

הֵייבֶּען זִיךְ אוּן טַאנְצֶען
טוֹיטֶערְהֵייט, אָהן מַאכְט;
אוּן דֶער ווִינְד דֶער בֵּייזֶער
פַּייפְט אוּן שְׁפִּיעלְט אוּן לַאכְט.....

II.

דְרוֹיסֶען גִיעסְט דֶער רֶעגֶען,
אוּן עֶס וֵויינְט דֶער ווִינְד;
אִין דֶער הֵיים צוּ זִיצֶען,
אוֹי, ווִי גוּט אִיז צִינְד!

ס'מורמעלט שטיל די מאמע:
„ס'קומט דער ווינטער אן!"
טרויע'ריג איז איהר שטימע,
דאך ווי זים דער טאן!

נעבעלדיג די שויבען,
דונקעל איז אין שטוב, —
דאך צו זיצען דארטען
אוי, ווי ס'דארף זיין ליעב.

אומעטיג דער טאטע,
אומעטיג פערטראכט,
דאך זיין שטומע ליעבע
אלע — בעוואכט.

דרויסען גיעסט דער רעגען
און דער ווינד ער קלאגט;
ב'בלאנזשע אין די גאסען
און א ביינגשאפט נאגט.....

כ'האב געזעהען דעם אדלער.

כ'האב געזעהען דעם אדלער
אין א שטייג פון אייזען,
וואו ער קען זיין פליהען
קיינמאל ניט בעווייזען.

וואו די פליעגעל זיינע
פריפט ער אויפצוהויבען
נאר זייא שלאגען אב זיך
אן די גראטעס אויבען.....

און איך האב געזעהן
אויך זיין בליק דעם שארפען.....
וואס ער פלעגט מיר נאכדעם
פון דער שטייג צוווארפען.....

און איך האב געלערענט,
וואס הייסט פריי־הייט זוכען,
וואס הייסט פראטעסטירען
און געפאנגשאפט פלוכען.

*　　*
*

אָנגֶענוּמֶען זיךְ מִיט צַער
פַאר דֶעם לַאנגֶען טָאג, —
אָ, דוּ לִיעבֶּער זִיסֶער טְרוֹים,
טְרָאג מַיין זֶעעלֶע, טְרָאג!

אָ, וָואס זֶעה אִיךְ וֶוען אִיךְ וַואךְ,
אַרְמוּטְה, זוּמְפּ און קוֹיט;
וֶוער בֶּעווּכְט מִיךְ, וֶוען אִיךְ וַואךְ? —
נָאר דִי אַלְטֶע נוֹיט...

און אִיךְ בֶּעט: דוּ, גוּטֶע נַאכְט,
פַאל שוֹין, פַאל שוֹין צוּ!
און מַיין האַרְץ, מַיין קְרַאנְקֶען האַרְץ
שֶענְק אַ בִּיסֶעל רוּה!

קוּם־זְשֶע גְלַייךְ, דוּ לִיעבֶּער טְרוֹים,
טְרָאג מִיךְ וַוייט און טְרָאג,
טְרָאג מִיךְ וַוייט, אִיךְ זָאל נִיט זֶעהְן,
וָואס אִיךְ זֶעה בַּיי טָאג...

*   *
*

צוּ דִיר קוּם אִיךְ, עֶלֶענְדֶעם בּוֹימֶעל,
גֶעפִינֶען אַ בִּיסֶעלֶע רוּה;
אָ, זַיי מִיר אַ ווַיילֶע אַ חָבֵר,
אִיךְ בִּין אַזוֹי עֶלֶענְד ווִי דוּ.

ווִי דוּ טְרָאג אִיךְ שְׁטִיל אִין מַיין הַארְצֶען
מַיין טְרוֹיעֶר, מַיין לֵייד אוּן מַיין ווֶעה —
אוּן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט ווֶען חֲבֵרִים,
הָאבּ אִיךְ שׁוֹין פֶערְגֶעסֶען אָן זֵיי.

אוּן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ גֶעלִיעבְּטֶע,
הָאט זִי שׁוֹין פֶערְגֶעסֶען אָן מִיר;
אָ, עֶלֶענְדֶעס, אֵיינְזַאמֶעס בּוֹימֶעל,
אַ חָבֵר גֶעפִין אִיךְ אִין דִיר!...

גֶעהֶענְדִיג נָאךְ צְווַייגֶען.

(אַ שבועות ליעד).

דֶער שָׁבוּעוֹת קוּמְט, דֶער שָׁבוּעוֹת קוּמְט!
מֶען דַארְף דָאס שְׁטִיבֶּעלֶע בֶּעהֶענְגֶען
מִיט גְרִינֶע צְווַייגֶען — אַךְ, וואוּהִין
זָאל אִיךְ מִיךְ וֶוענְדֶען גֶעהְן זֵיי בְּרֶענְגֶען?...

נָאר זַאמְד און שטויבּ הָאט אוּנְזֶער גַאס,
אוי, וְויסְט פוּן בּוימֶער, וְויסְט פוּן גְרָאזֶען!
וואוּ נֶעמְט מֶען גְרִינְס אויף שָׁבוּעוֹת, וואוּ?...
וואוּהִין, וואוּהִין זָאל אִיךְ מִיךְ לָאזֶען?...

אִיךְ נֶעם זִיךְ הִינְטֶער'ן גֶעסִיל גֶעהְן,
וואוּ גוֹיִישֶׁע הַייזֶעלֶעךְ זִיךְ צִיהֶען;
עֶס רוישְׁט אַ בּוים בַּיי יֶעדֶער שְׁטוּבּ
און רויזֶען שְׁמֶעקֶען, בְּלוּמֶען בְּלִיהֶען...

עֶס קוּקְט דָאס אויג, עֶס קְלֶעמְט דָאס הַארְץ
און סְ'וויינְט אִין מִיר דִי זֶעעלֶע מַיינֶע;

עס ציהט דאס הענד'על זיך צום בוים,
אין אויער קלינגט: אוועק, ניט דיינע!...

איך געה און געה, די זון זי שיינט,
דער הימעל ריין און קלאר — און הייטער...
עס וואקסען בוימער אויפ'ן וועג —
איך, ארים־קינד, געה ווייטער, ווייטער...

* *
*

און דער זומער ווערט פערשוואונדען
מיט די חנ'דיגע נעכט,
און עס וועלקען אלע בלומען,
און דער ווינד פון הערבסט צוברעכט

אלע גרינע, פרישע צווייגען,
און ער מאכט פון זיי א תל,
און די בלעטער פון די ביימער
פאלען אב, צודארט און געל.

און די יוגענד ווערט פערשוואונדען,
ווי א געבעל, ווי א רויך,
און זי שלעפט אוועק די ליעבע
און דעם גלויבען, און דעם כח...

אלעס, אלעס ווערט פערפלויגען,
וואס נאר טייער, ליעב און שען, —
אייביג בלייבען נאר די צרות,
אייביג בלייבט דער טויט אליין...

אוי, די איינציג־ווייסע האר!...

אוי, די איינציג־ווייסע האר
ווי זי טהוט מיר באנג!
שווארצער קאפ, ווער ווייס דורך אויך
דאס איז מיין פערלאנג.

אוי, די איינציג־ווייסע האר
ווי זי שרעקט און שרעקט!
עהדער נאך די עלטער קומט,
עקט די יוגענד, עקט.

ס'טרייבען פלינק די שווארצע האר:
צו דיין ליעבסטער געה!
די איינציג־ווייסע האר זי לאכט:
זאג שוין איהר: אדיע!

ווייגען שטיל די שווארצע האר:
זיי צו לעבען גרייט.

לַאכְט די וַוייסֶע הָאר פוּן זֵיי:
כְ'פְלֶעכְט פַאר אִיהְם דֶעם טוֹיט.

יוּגֶענְד, עֶלְטֶער, לֶעבֶּען, טוֹיט —
שְׁרֶעקְלִיךְ אִיז דֶער קְרִיעג.
אָ, דוּ אֵיינְצִיג־וַוייסֶע הָאר,
פַייֶער שוֹין דַיין זִיעג!

תַּשְׁלִיךְ.

נִיט בַּיי'ן יַרְדֵן, וואו דָאס וַואסֶער
פְּלִיעסְט ווִי זִילְבֶּער רֵיין און קְלָאר,
וואו די וֶועלֶען קְלִינְגֶען, רוישֶׁען,
ווי אַ זִיסֶער, שְׁטִילֶער חָאר;

נִיט בַּיי'ן יַרְדֵן, וואו עֶס טְרָאגְט זִיךְ
פְרוּם און הֵיילִיג גָאטֶעס לִיעד;
אָ, נִיט דָארְטֶען וֶועט אִיהר טְרֶעפֶען
אִיצְטֶער שְׁטֶעהֶן דֶעם אַלְטֶען יִיד!

בַּיי אַ שְׁטֶעהֶענְדִיגֶען וַואסֶער,
אויסְגֶעמִישְׁט מִיט קויט און זַאמְד,
דָארְטֶען וֶועט אִיהר אִיהם גֶעפִינֶען
מִיט אַ סִדוּר אִין דֶער הַאנְד.

און עֶר שְׁטֶעהְט דֶעם קָאפּ גֶעבּויגֶען,
אויפְ'ן הַארְצֶען דְרִיקְט אִיהם שְׁוֶוער,

און פון דיינע מידע אויגען
פאלט אריין אין טייך א טרער.

צי ער האט דערמאנט אין ירדן,
אין זיין וואסער קלאר און ריין,
אדער וויינט ער אויף פרנסה? —
אח, ווער קען איהם איצט פערשטעהן?...

אִין פֶּעלְד.

אִיךְ גֶעה אום אִין פֶּעלְד —
וִוי בְּרֵייט אוּן וִוי פְּרַיי!
אַ פוֹיגֶעל פְלִיהט דוּרְךְ
אוּן טְרָאגְט זִיךְ פֶערְבַּיי.

אוּן מִילְד לַייכְט דִי זוּן
אוּן ווֵייס נִיט פוּן קַארְג:
מִיט שְׁטְרַאהלֶען בֶּעגִילְדְט
הָאט זִי דָארְט דֶעם בַּארְג...

אִין שְׁטָאדְט אִיז מִיר עֶנְג,
אִין שְׁטָאדְט אִיז מִיר שְׁוֶוער,
עֶנְטְלָאפֶען פוּן דָארְט
בִּין אִיךְ יֶעצְט אַ הֶער...

אִיךְ גֶעה אום אִין פֶּעלְד,
דָאס הַארְץ עֶפִּים שְׁרֶעקְט...

מִיר דַאכְט זִיךְ, אִיךְ הֶער
אַ קוֹל, ווִי עֶס פְּרֶעגְט :

וָואס טוּסְטוּ דוּ דָא, מֶענְשׁ,
און וָואס אִיז דַיין צִיעל? —
דָא אִיז אַזוֹי רֵיין,
דָא אִיז אַזוֹי שְׁטִיל...!

בעגראבען.

ביי דער ארבייט זיצט דער שוסטער,
זיצט דער שוסטער קראנק און בלאס;
קלאפט די צוועקליך, ציהט די דראטווע,
קוקט דערביי הערוים אין גאס.

נאר ער זיצט צום הימעל העכער,
ערגיץ אויפ'ן פינפטען שטאק;
— אה, די גאס, זי איז בעהאלטען!
זיפצט ער, קלאפענדיג א צוואק.

ניט קיין גאס און ניט קיין הימעל, —
הייזער האבען אלץ פערשטעלט,
און איהם דאכט זיך, אבגעריסען
איז ער פון דער גאנצער וועלט...

אז ער ליעגט אין גריב בעגראבען
דאכט זיך צייטענווייז איהם אויך.
באלד פערהאפט ער זיך: א טעות!
קען א קבר זיין זא הויך?...

דֶער מַגִיד.

אַ לַאנְגֶע בָּארְד, אַ שֶׁענֶע בָּארְד,
דָאךְ נִיט גֶעפּוּצְט אוּן נִיט גֶעקַאמְט,
דִי פֵּאוֹת לַאנְג, גֶעגְרַייזֶעלְטֶע, —
דָאס פָּנִים לַייכְט, דָאס פָּנִים פְלַאמְט.

עֶס הִילְכְט אוּן קְלִינְגְט זַיין שְׁטַארְקֶער קוֹל,
עֶס צִיטֶערְן דִי בֵּית־מֶדְרָשׁ־וֶוענְד,
אוּן וִוי אַ מַלְאַךְ זֶעהְט עֶר אוֹיס
מִיט זַיינֶע אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייטֶע הֶענְד.

גֶעפֶּערִילְט אִיז דָאס מוֹיל בַּיי אִיהם,
עֶס שִׁיטֶען זִיךְ וִוי פוּנְקֶען פַייֶער
דִי רֵייד, דֶער עוֹלָם שְׁטֶעהְט פֶערְטִיפְט
אוּן יֶעדֶעס וָוארְט אִיז לִיעב אוּן טְהַייֶער.

עֶר רֶעדְט פוּן אַלְץ, עֶר וַויים פוּן אַלְץ,
פוּן „אֵייבִּיג לֶעבֶּען" נָאכ'ן טוֹיט.
דֶעם צַדִיק „שָׂכָר" פֶערְשְׁפְּרֶעכְט עֶר פִיעל,
דֶער עוֹנֶשׁ פוּן דֶעם רָשָׁע גְרוֹיס.

עֶר נֶעמְט אַ פָּסוּק פוּן תְּנַ"ךְ
וָואס הָאט קֵיין „הֶמְשֵׁךְ", הָאט קֵיין פְּשַׁט,
אוּן דַרְשֶׁנְ'ט אִיהם אַהֶער, אַהִין
בִּיז וַואן עֶר מַאכְט אִיהם קוּנְצִיג, גְלַאט.

פוּן עֶפִּים אַ גְמַטְרִיָא
בֶּעוַוייזְט עֶר רִיכְטִיג, דֵייטְלִיךְ קְלָאהר,
אַז סְ'אִיז דִי גְאוּלָה נָאהֶענְט שׁוֹין,
מָשִׁיחַ קוּמְט נָאךְ הַיינְטִיגְן יָאהְר.

דֶער עוֹלָם שְׁטְרַאהְלְט, אֵיין אַנְדֶערֶער
זִיפְצְט אוּנְטֶער זִיךְ: אַח, טַאטֶע פָּאטֶער!
עֶס וָואלְט שׁוֹין טַאקִי צַייט גֶעוֶוען
פוּן וִוישְׁטֶען גָלוּת וֶוערֶען פָּטוּר!...

עֶר גֶעדְט אַרָאב פֶּערְשְׁוִויצְט אוּן ווִישְׁט
דֶעם שְׁוַויס פֶּערְגְרֵייזֶעלְט זִיךְ דִי פֵּאוֹת,
אוּן קוּקְט אַהִין צוּם „קֶעֲרָה" דָארְט,
וואוּ סְ'הֶערְט זִיךְ קְלִינְגֶען דִי מַטְבֵּעוֹת...

דֶער סוֹד.

ווִי עֶס שְׁרֶעקְעֶן מִיךְ גֶעשְׁטַאלְטֶען
וואוּ אִיךְ שְׁטֶעה אוּן וואוּ אִיךְ גֶעה;
שְׁרַייעֶן וָואלְט אִיךְ נָאר מֶען טָאר נִיט,
אוֹי, ווִי בְּרֶענְט דֶער שְׁטוּמֶער וֶועה.

סְ'אִיז אַ סוֹד אוּן סְ'ווייסֶען אַלֶע
אוּן עֶס שְׁווַייגֶען אַלֶע שְׁטִיל;
אִיךְ עֶרְלויבּ מִיר נָאר אוֹיסְרוּפֶען:
אוֹי, קָרְבָּנוֹת אַזוֹי פִיעל.

נָאר עֶנְטְפְּלֶעקְט דֶעם סוֹד נִיט קֵיינֶעם
וֶוען אִיהְר ווַייזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן גַאס,
לָאזְט דִי שְׁטֵיינֶער טְרִיקֶען וֶוערֶען,
זֶעהְט, זֵיי זֶענֶען אַזוֹי נַאס!

זֶעהְט, דִי ווַייסֶע הוֹיכֶע הַייזֶער
שְׁטֶעהֶען אַלֶע נָאךְ פֶערְפְלֶעקְט — — —
נִיט עֶנְטְפְּלֶעקְט דֶעם סוֹד פַיר קֵיינֶעם,
עֶהֶדֶער אִיהְר הָאט אָנְגֶעפְרֶעגְט...

וָואס שְׁטֶעהְט אוּנְז נָאךְ פָּאר?...

וָואס שְׁטֶעהְט אוּנְז נָאךְ פָּאר
אִין עָתִיד אִין וַוייטֶען,
וָואס וֶועלֶען מִיר זֶעהְן
אִין קוּמֶענְדֶע צַייטֶען?

צִי וֶועט מֶען אַלְץ הֶערֶען
דִי זִיפְצֶען אוּן טְרֶערֶען
פוּן אָרְמֶען אוּן שְׁוַואכֶען?
צִי וֶועט אַלְץ פֶּערְטִימְלֶען
דִי עֶרְד אוּן דִי הִימְלֶען
פוּן רוֹיבֶּער דָאס לַאכֶען?

צִי וֶועט נָאךְ אַלְץ הֶערְשֶׁען
דֶער בִּיקְס אוּן דֶער שְׁוֶוערְד,
מִיט מֶענְשֶׁען־בְּלוּט פֶּעטֶער
צוּ מַאכֶען דִי עֶרְד?

צי װעט נאָך אַלץ קלינגען
פון קנעכטשאַפט די קייטען —
איין ברודער זאָל דיענען,
פערקויפט זיין דעם צווייטען ?

װעט אַלץ נאָך זיך ציהען
פאַר אמת די שלאַכט ? —
אָח, װער װעט פּאָרט זיעגען —
דער טאָג, צו די נאַכט ?...

אַ גיבער משיח!...

אָ, גיבער משיח, אָ גיבער שוין קום!
עס רינגעלט די גאנצענע וועלט שוין אַרום,
ווי גיפטיגע שלאַנגען דער הונגער און נויט,
מען פאַלט אין די גאַסען, שטיל קרעכצענדיג: ברויט!
עס וויל שוין ניט אַלעמען שפּייזען די ערד —
אָ, קום שוין משיח אויפ'ן ווייסינקען פערד!

*

אָ, קום שוין משיח! עס דריקט אומעטום
די קייטען פון קנעכטשאַפט אַרום און אַרום;
עס האָט שוין קיין ערט דאָס אונשולדיגע בלוט,
וואָס שפּריצט און וואָס גיעסט זיך פון אונטער דער רוט,
עס ראָסטעט פון מענשליכע בלוט שוין דער שווערד —
אָ, קום שוין, משיח, אויפ'ן ווייסינקען פערד!...

עֶהְרְלִיכֶע אַרְבֵּייט.

יגיע כפיך כי תאכל.

„עֶהְרְלִיכֶע אַרְבֵּייט, עֶהְרְלִיכֶע מִיה״ —
לֶעגֶען זִיךְ שְׁפֶּעט און אוֹיפְשְׁטֶעהְן פַאר פְרִיה.
אַרְבֵּייטֶען פִיערְצֶעהְן אוּן לֶעבֶּען — קֵיין שָׁעָה —
וואוּ אִיז דִי בְּרָכָה, פְרֶעג אִיךְ אַייךְ, דָא ?
„עֶהְרְלִיכֶע אַרְבֵּייט וָואהְל אִיז צוּ דִיר!״ —
וואוּ אִיז דִי וָואהְלֵקייט ? עֶנְטְפֶעְרט פָּאְרט מִיר!

עֶהְרְלִיכֶע אַרְבֵּייט, עֶהְרְלִיכֶע מִיה:
צְווֶעקֶעלִיךְ קְלַאפּ דִי נָאדֶעלֶע צִיה;
מוֹיעֶר זַיי הַייזֶער, קְרִיךְ אוֹיפְ׳ן דַאךְ,
אִין דֶר׳עְרד גֶעה נָאךְ קוֹיהְלֶען, נִיט קוּק אוֹיף קֵיין זַאךְ,
שְׁטֶעל אִין סַכָּנָה דַיין לֶעבֶּען, דַיין בְּלוּט —
עֶס וֶועט דִיר שׁוֹין וָואהְל זַיין, עֶס וֶועט דִיר זַיין גוּט!...

בַּיי דֶעם גָארְטֶען.

בַּיי דֶעם גָארְטֶען שְׁטֶעהְט דֶער אָרְמֶער
אָבְּגֶעשְׁלִיסֶען, אָבְּגֶערִיסֶען ;
קוּקְט, וִוי ס'אַרְבֵּייט טְרַיי דֶער וֶועכְטֶער
בּוֹימֶער, בְּלוּמֶען צוּ בֶּעגִיעסֶען.

לַאנְג, שׁוֹין לַאנְג הָאט נִיט גֶערֶעגֶענְט
אִין חַלָשׁוֹת בְּלוּמֶען פַאלֶען,
אוּן עֶס מִינְטֶערְט זִיי דֶער וֶועכְטֶער
מִיט דִי וַואסֶער פוּן דִי קְוַואלֶען.

אוּן מְקַנֵא אִיז דֶער אָרְמֶער
יֶעצְט דִי בּוֹימֶער אוּן דִי בְּלוּמֶען ;
הוּנְגְרִיג אִיז עֶר אוּן פֶערְלָאזֶען
אוּן עֶר הָאט נִיט וואוּ צוּ קוּמֶען.

אוּן פַאר אֵיינְזַאמְקֵייט, פַאר עֶלֶענְד
מוּז עֶר אַזוֹי יוּנְג פֶערדַארֶען,
קֵיינֶער וֶועט אִיהְם נִיט עֶרְפְרִישֶׁען,
וֶועמֶען קֶען זַיין וֶועלְקֶען אַרֶען ?...

אַ חָלוֹם אוֹיפְ'ן וָואהְר.

כְ'בִּין אֵיין עֶלֶענְדֶער גֶעבְּלִיעבֶּען
כְ'הָאבּ נִיט וואו אַרֵיינְצוּקוּמֶען.
אַלֶע מַיינֶע פְּרַיינְד דִי בֶּעסְטֶע,
אַלֶע הָאט מֶען צוּגֶענוּמֶען.
און אִיךְ פִּיהְל מִיךְ פְרֶעמְד און עֶלֶענְד.
און אִיךְ בְּלָאנְקֶע אִין דִי גַאסֶען,
צְוִוישֶׁען מֶענְשֶׁען, וֶועלְכֶע טְרָאגֶען
זֵייעֶר שְׁוֶוערֶען יָאךְ גֶעלַאסֶען.
און אִיךְ בְּלָאנְקֶע צְוִוישֶׁען שְׁפִּיאָנֶען, —
כְ'זֶעה, עֶס פִּינְקְלֶען זֵייְרֶע אוֹיגֶעלַאךְ,
וִוי בַּיי יֶעגֶער־הִינְד אִין וַואלְד דָארְט,
וֶוען זֵיי זוּכֶען פְרַייעֶ פֵייגֶעלַאךְ...
און מִיר דַאכְט זִיךְ, אַז דֶער שֵׂכֶל
אֶמֶת, פְרֵייהֵייט און דִי עֶהְרֶע
לִיגֶען אַלֶע אִין דִי טוּרְמֶען
און גֶעשְׁמִידְט אִין קֵייטֶען שְׁוֶוערֶע.
און פַארְצְוֵוייפֶעלְט און פַארוּמֶערְט
לוֹיף אִיךְ, וִוי פוּן וִוינְד גֶעטְרִיבֶּען,
בִּיז צוּם הוֹיכֶען טוּרְמֶע־מוֹיעֶר,
דָארְטֶען בִּין אִיךְ שְׁטֶעהְן גֶעבְּלִיעבֶּען.

און א וואונדער איז געשעהען,
פון מיין טרויער בלייבט קיין סימן
דורך די ענגע אייזען־גראטעם,
הער איך רופען שטארקע שטימען.
זיי צוגיעסען אין דער לופט זיך
און זיי רופען און זיי וועקען:
זיי ניט עלענד, ליבער חבר,
זאל דיין הארץ אומזיסט ניט שרעקען;
אונז נאר האט מען אויף א ווײלע
אין די טורמען דא פארטריבען,
דאך דער אמת און די פרייהייט
זענען דארטען פריי געבליבען.
דו ניט זוך זיי אין די גאסען,
דארטען וועט עס דיר ניט גליקען, —
זוך זיי אין די ענגע קעלער,
זוך זיי אין די פיעל פאבריקען.
דארטען ליגען די ארמעען,
וואס די פרייהייט האט ערווארבען,
צו באפרייען זי, די פרייהייט,
איז ניט שווער פאר זיי קיין קרבן.
זיי געדולדיג! נאך א ווײלע
געהען די ארמעען שטרייטען,
און א נייער פרייער הימעל
וועט זיך אויף דער וועלט פארשפרייטען.

מִיךְ צִיהְט.

מִיךְ צִיהְט אַהִין,
וואוּ דְ'עֶרְד אִיז גְרִין, —
דֶער הִימֶעל בְּלוֹי,
וַוי פֶּערל דֶער טְהוֹי,
וואוּ סְ'אִיז אֵייבִּיג מַאי;

וואוּ עֶם לֶעבֶּען
אוּן עֶם שְׁוֶועבֶּען,
אַלֶע פֵייגֶעל פְרַאנְק אוּן פְרַיי

מִיךְ צִיהְט, מִיךְ צִיהְט,
מַיין וֶועלֶע פְלִיהְט;
אָ, נֶעהְם מִיךְ מִיט,
דָא לָאז מִיךְ נִיט —
אָח, דָאם לֶעבֶּען אִיז דָא עֶנְג...

דָא אִיז טְרוֹירִיג,
דָא אִיז שוֹירִיג,
אוּן עֶם צִיהְט מִיךְ, אוּן אִיךְ בֶּענְג!..

די פריהלינג־זון.

די פריהלינג־זון קוקט אין מיין פענסטער
אריין, און זי לאכט;
וואס ביזטו, א, נארישער מענש,
פערטרויערט, פערטראכט?

איך האב אויך געליטען ווי דו;
עס האבען פערשטעלט
די וואלקען די גראהע פון ווינטער
מיין ליכט פיר דער וועלט.

דאך זענען זיי מעהר ניט ווי וואלקען —
זיי שווינדען ווי רויך,
און איך בין געבליבען א זון,
און איך לייכט פון דער הויך?

* *
*

איך ווייס ניט וואס האב איך,
איך ווייס ניט וואס פעהלט מיר;
איך ווייס נור — די ליכטיגע
זון איז פערשטעלט מיר.

אִיךְ וֵויים נִיט וָואס זִינְג אִיךְ,
צִי לִיעבֶּע, צִי צָארֶען;
אִיךְ וֵויים נוּר — מַיין הַארְץ אִיז
פֶערְשַׁרְפֶּ'ט גֶעוָוארֶען.

אִיךְ וֵויים נִיט, צִי לֶעבּ אִיךְ,
צִי בִּין אִיךְ גֶעשְׁטָארְבֶּען;
אִיךְ וֵויים נוּר — פֶערְשִׁימֶעלְט
אִיז אַלְץ, אוּן פֶערְדָארְבֶּען...

*　　*
*

זֶעה דֶער הִימֶעל אוֹיסְגֶעשְׁטֶערֶענְט,
אוּן פֶערְצֶעהְלְט פוּן פְרֵייד אוּן גְלִיק;
כְ'הָאבּ דַיין שְׁפְּרַאכֶע אוֹיסְגֶעלֶערְנְט,
צַייט אִיךְ הָאבּ עֶרְקֶענְט דַיין בְּלִיק.

צַייט דַיין בְּלִיק אִיז מִיר פֶערְלָאשֶׁען,
אוּן פֶערְשְׁוואוּנְדֶען, וִוי אַרוֹיךְ,
רֶעד אִיךְ נוּר אוֹיף שְׁטֶערְן־לָשׁוֹן,
אוּן אִיךְ רוּף דִיךְ פוּן דֶער הוֹיךְ!

הֶערְבְּסְט.

(פָאָלקס־מאָטיװ).

און װי עֶס קוּמְט דֶער אָסְיֶען,
דָא הֶער איך אָן מַיין שְׁטָאלְץ;
עֶס פְּרֶעגְט דֶער װינְד מִיך צָארְנִיג:
צִי הָאסְטוּ, קַבְּצָן, הָאלְץ?

דֶער רֶעגֶען פַּאטְשְׁט אִין פֶּענְסְטֶער,
און רוישְׁט, און בֵּייזֶערְט זִיך:
איך מַאך אִין נַאס אַ בְּלָאטֶע,
צִי הָאסְטוּ גַאנְצֶע שִׁיך?

דָאס נַייֶע לִיעד.

און זָאל ווִי ווַייט
נָאךְ זַיין דִי צַייט
פוּן לִיעבֶּע און פוּן שָׁלוֹם ;

דָאךְ קוּמֶען וֶועט,
צוּ פְרִיה, צוּ שְׁפֶּעט
דִי צַייט — עֶס אִיז קֵיין חָלוֹם !

אִיךְ הֶער דָאס לִיעד,
פוּן לִיעבֶּע, פְרִיעד,
דִי מֶעכְטִיגֶע גֶעזַאנְגֶען

און יֶעדֶער טָאג
פוּן לִיעד זָאגְט אָן :
דִי זוּן אִיז אוֹיפְגֶעגַאנְגֶען

עֶס עֶנְדְט דִי נַאכְט,
דִי וֶועלְט עֶרְוַואכְט
פוּל הָאפְנוּנְג, לוּסְט און שְׁטְרֶעבֶּען.

אִין זַאנְפְטֶער לוּפְט
אַ שְׁטִימֶע רוּפְט :
צוּ מוּט און קְרַאפְט, און לֶעבֶּען !...

דֶער נֵס.

אָ, נײן! נִיט דֶערִינֶען גֶעפִין אִיךְ דֶעם נֵס —
אַכְט נֶעכְט הָאט דָאס בּוימֶעהְל גֶעבְּרֶענְט ;
אַה, שְׁפָּארֶען און קַארְגֶען דֶעם בּוימֶעהְל — דָאס װָאלְט
פִּיעלֵייכְט דָאךְ אַ יֶעדֶער גֶעקֶענְט.

דֶעם נֵס זֶעה אִיךְ פֵּײנֶער און טִיעפֶער פַּאר אַײךְ —
עֶס שְׁטְרַאהְלְט מִיר פַאר שְׁטָאלְץ דָאס גֶעוִויכְט :
אַן אָרִים־קְלֵײן פָאלְק, און עֶס הָאט דָאךְ בֶּעטְהֵײלְט
אַ װֶעלְט אַזַא גְרוֹיסֶער מִיט לִיכְט...

פאַלט אַריין אַן אָרימאַן...

(פאָלקס־מאָטיוו).

פאַלט אַריין אַן אָרימאַן
אין דער רײַכער שטאָדט,
דאַכט זיך איהם, אַז יעדעס הויז
קוקט אויף איהם מיט שפּאָט.

דאַכט זיך איהם, אַז יעדער סלופּ,
יעדער שטיין אין ברוק
שרײַט איהם: דרך־ארץ, לומפּ,
וואַרפט אַ קרומען קוק...

דאַכט זיך איהם, אַז וואָס ער זעהט
קוקט אויף איהם מיט האַס, —
וואָלט ער פלוכען אויפ׳ן קול,
שרעקט ער זיך אין גאַס...

פאַלט אַריין אַן אָרימאַן
אין דער רײַכער שטאָדט,
פיהלט זיין צער קיין אײנער ניט,
סײַדען אויבען, גאָט...

אִיז אַוֶועק צוּם קְרִיעג דֶער מֶלֶךְ...

(פוּן מַארִיאַ קָאנָאפּנִיצקַא).

אִיז אַוֶועק צוּם קְרִיעג דֶער מֶלֶךְ
בְּלָאזֶען אַלֶע שׁוֹפְרוֹת פְרֶעהְלֶעךְ;
שׁוֹפְרוֹת בְּלָאזֶען, רוֹישֶׁען, בְּרוּמֶען,
אַז עֶר זָאל בְּשָׁלוֹם קוּמֶען.

אִיז גֶעגַאנְגֶען סְטַאךְ זִיךְ שְׁלָאגֶען
הָאט דֶער טַייךְ גֶענוּמֶען קְלָאגֶען,
אוּן דִי זַאנְגֶען שְׁטִיל צוּ צִיטֶער'ן,
אוֹיף זַיין מַזָל, אוֹיף זַיין בִּיטֶער'ן...

אוֹיפְ'ן שְׁלַאכְט־פֶעלְד אוּנְטֶען, אוֹיבֶּען
פְלִיעהֶען קוֹילֶען, מֶענְשֶׁען לִיעגֶען, —
מְלָכִים שְׁלָאגֶען זִיךְ, ווִי לֵייבֶּען,
חֵלָק אַפֶּעס פַאלֶען ווִי דִי פְלִיעגֶען...

פָאהְנֶען רוֹישֶׁען, שָׁאסֶען קְרַאכֶען
אוּן דִי מַחְנוֹת צִיהֶען ווַייטֶער;
ס'הָאט אַ קוֹיל גֶעטְרָאפֶען סְטַאכ'עֶן,
ס'קוּמְט אַ הֵיים דֶער מֶלֶךְ הַייטֶער.

וַוי גֶעקוּמֶען אִיז דֶער מֶלֶךְ
עֶפֶנֶען זִיךְ דִי טְהוֹירֶען פְרֶעהְלֶעךְ
דִי טְרָאמְפֶּעטֶען רוֹישֶׁען, שַׁאלֶען
און דִי זוּן, זִי שִׁיט מִיט שְׁטְרַאהְלֶען.

וַוי מֶען הָאט גֶענוּמֶען גְרָאבֶען
פִיר דֶעם מְטַאךְ אַ גְרוּב, דַאן הָאבֶען
שְׁטִיל גֶעוַויינְט אִין פֶעלְד דִי גְרָאזֶען
און אַ ווינְד הָאט צוּ גֶעבְּלָאזֶען...

מיר ברעכען.

די אויגען — פול־צארען, פערגאסען מיט בלוט,
די הערצער — זיי שלאגען מיט קראפט און מיט מוט —
מיר שטעה'ן ביי א הויכער, געמויערטער וואנד,
מיט העק און מיט לאמען, און אייזענס אין האנד —
מיר ברעכען, מיר ברעכען!

די וואנד איז געמויערט גאר פעסט און גאר דיק,
פערצוימט אונז די וועגען צום לעבען, צום גליק
פערשטעלט אונז די ליכטיגע זון און די מאכט
פון פרייליכען טאג אונז א פינסטערע נאכט —
מיר ברעכען, מיר ברעכען!

און פאלט פון דער שטיינערנער וואנד ווען אראפ
א שטיין, צו א ציעגעל, טרעפט וועמען אין קאפ, —
די איבריגע בלייבען דאך שטעהן גאר אהן שרעק
און ארבייטען ווייטער, מען לויפט נישט אוועק —
מיר ברעכען, מיר ברעכען!

די ארבייט דארף דויערן, די ארבייט איז שווער —
פערזאמעלט זיך ברידער, קומט אלע א הער,
זאל יעדערער צולייגען פעסטער זיין האנד,
מיר וועלען די הויכע, די ריזיגע וואנד
צוברעכען, צוברעכען!...

די דריי ציגיינער.

(פון לענאו).

איך האב דריי ציגיינער בעגעגנט א מאל —
זיי זענען ה'א לאנקע געלעגען —
ווען ס'האט זיך מיין פוהר'ל פערמאטערט און מיעד
געשלעפט איבער זאמדיגע וועגען.

געהאלטען האט איינער זיין חבר אין האנד —
זיין אלטע, זיין ליעבליכע פידעל —
בעלויכטען, בעשטראהלט פון פארנאכטיגען שיין
האט געשפיעלט ער א פייערדיג-ליעדעל.

דער צווייטער א ליולקע געהאלטען אין מויל,
געקוקט, ווי דער רויך ווערט צוגאנגען,
און רוהיג, אזוי ווי ער וואלט פון דער וועלט
שוין קיין מאל קיין גליק ניט פערלאנגען...

דער דריטער איז היימליך געשלאפען און שטיל,
די פידעל צום הארצען געלעגען;
א ווינדעל האט קוים איהרע סטרונעס בעוועגט,
זיין הארץ האט א חלום בעוועגען.

דִי קְלֵיידֶער, וָואס הָאבֶּען גֶעטְרָאגֶען דִי דְרַיי,
אִיז לֶעבֶּער אוּן לַאטֶעס גֶעוָועזֶען —
מִיר לַאכֶען זִיךְ אוֹיס פוּן דֶער נַארִישֶׁער וֶועלְט!
דָאס הָאט מֶען אוֹיף זֵיי בָּאלְד גֶעלֶעזֶען...

זֵיי הָאבֶּען מִיר דְרַיי מָאל גֶעלֶערֶענְט, גֶעצַייגְט:
וֶוען ס'הוֹיבְּט אָן דָאס לֶעבֶּען צוּ נַאכְטֶען,
וִו'אַזוֹי מֶען פֶערְשְׁפִּיעלְט עָס, פֶערְרוֹיכְט און פֶערְשְׁלָאפְט —
אוּן דְרַיי מָאל פֶערְשְׁפָּאטֶען, פֶערַאכְטֶען...

אוּן לַאנְג נָאךְ הָאבּ אִיךְ אוֹיף זֵיי דְרַייעֶן גֶעקוּקְט,
וֶוען אִיךְ בִּין שׁוֹין וַוייטֶער גֶעפָאהְרֶען,
גֶעקוּקְט אוֹיף דִי שְׁוַוארְצֶע גֶעזִיכְטֶער און הָאר,
בִּיז וַואן ס'הָאט מַיין אוֹיג זֵיי פֶערְלוֹירֶען...

מַיין גֶעלִיעבְּטֶע.

דָאט מִיר מַיין לִיעבְּסְטֶע אַ בְּרִיוֶועל גֶעשְׁרִיעבֶּען,
שְׁרַייבְּט זִי מִיר דָארְטֶען: זִי קֶען מִיךְ נִיט לִיעבֶּען;
עֶרְשְׁטֶענְס: מִיר זֶענֶען צְוֵויי אַנְדֶערֶע וֶועלְטֶען;
וָואס אִיךְ ווִיל בֶּענְשֶׁען, דָאס ווִיל זִי גָאר שֶׁעלְטֶען;
און צְוֵוייטֶענְס — עֶס טְהוּט אִיהְר דִי זַאךְ אַזוֹי בַּאנְג:
זִי הָאט שׁוֹין אַ חָתָן, זִי לִיעבְּט אִיהְם פוּן לַאנְג...

זִי הָאט שׁוֹין אַ חָתָן... נוּ, זָאל זַיין מִיט מַזָל!
אִיךְ וֵויים דָאךְ פוּן לַאנְג שׁוֹין, אִיךְ בִּין אַ שְׁלִימַזָל:
מִיט מִיר נָאר דַארְף טְרֶעפֶען דִי אוּנְגְלִיקֶען אַלֶע:
גֶעפִין אִיךְ אַ מֵיידֶעל אִיז זִי שׁוֹין אַ כַּלָה...
מִיךְ קְרֶענְקְט נָאר: אִיהְר חָתָן וֶוער אִיז עֶר, וֶוער וֵויים —
צוּ אִיז עֶר אִיהְר טְרַייחָאטְשׁ, צוּ לִיעבְּט עֶר זִי הֵיים?...

דאס בוימעלע.

עס שאקעלט דאס בוימ'על זיך הין און צוריק. —
עס ווערט ניט צעבראכען — אך, וואס איז דאס גליק?
וואס טויג אזא לעבען אין אייביגען שרעק? —
אך, איין מאל א בראך און גענוג, און אן עק!...

נָאכְגֶעאַהְמְט.

סְ'רִיהְמְט מַיין לִיעבְּסְטֶע הַיינְט מַיין גוּטְסְקֵייט —
סְ'אִיז גַאנְץ מֶעגְלִיךְ, לִיעבֶּעס קִינְד ;
אָבֶּער אָט דֶער קְוַאל פוּן גוּטְסְקֵייט
נָאר פוּן דַיינֶעם הַארְצֶען רִינְט.

סְ'בְּרֶענְגְט דִי עֶרְד דָאךְ פְרוּכְט אוּן בְּלוּמֶען,
אָבֶּער נִיט פוּן אֵיינְ'נֶער מַאכְט ;
קֶען דִי אָרְמֶע עֶרְד וָואס גֶעבֶּען,
וֶוען דִי זוּן צוּ אִיהְר נִיט לַאכְט ?...

די קירכען גלאקען.

אך, וואס קלינגט איהר קירכען־גלאקען!
הערט שוין אויף! גענוג געשראקען
האבען איי'רע ווילדע טענער
אונזער אר'מע וועלט!

איהר דערמאנט מיר יענע רוחות,
די קאטוילישע מלוכות,
וועלכע האבען עשאפאטען
הויכע אויפגעשטעלט;

איי'רע טענער רופען הענקער
צו מערטירען יעדען דענקער,
יענעם קאפ אראב צו האקען,
וועלכער בייגט זיך ניט;

א, איהר ווילט די וועלט פערוויגען
מיט א טויטען שווארצען ניגון
און פערדעקען מיט א מאנטעל
פון א יעזואיט!

כ'האב א נייעם גלאק בעשאפען,
צו ערוואכען טויטע שקלאפען
ניט אין קירכען, — אין דער לופטע
הענג איך איהם ארויף;

ניט צו שרעקען, נאר צו וועקען
נאר די וועלט אין אלע עקען,
קלינגט ער מוטהיג, רופט ער פרעהליך:
שטעהט צו לעבען אויף!

מַיין צוּרִיקקֶער אַהֵיים.

I.

אוּם גְ'וַואנְדֶערְט אוּן גֶעוָואגֶעלְט
הָאבּ אִיךְ אִין דֶער פְרֶעמְד פִיעל יָאהְרֶען;
אִיבֶּערדְרִיסִיג אִיז דָאס לֶעבֶּען
אוּן פֶערְמִיעֶסְט מִיר גֶעוָוארֶען
אָ, דִי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעדְט אוּן נַאסֶען
מִיט דִי שֶׁענֶע, הוֹיכֶע מוֹיעֶרְן
הָאבֶּען מִיר גֶעמַאכְט נִיט גְרִינְגֶער —
כְּ'בְּלֶעג דָארְט נָאךְ מַיין הֵיימַאט טְרוֹיעֶרְן.
נָאךְ דֶעם קְלֵיינֶעם לֶעבֶּען שְׁטֶעדְטִיל,
נָאךְ דִי גֶעסְלִיךְ — קוֹיטִיג, אָרִים,
נָאךְ דִי שְׁטִיבֶּעלִיךְ דִי קְלֵיינֶע,
וֶועלְכֶע וַויינֶען אוֹיס וִוי קְבָרִים.
יָא וִוי קְבָרִים... אוּן גֶעצוֹיגֶען
הָאט מִיךְ צוּם בֵּית עַלְמִין אַלְטֶען,
אָ, וִויפִיעל זִכְרוֹנוֹת זִיסֶע
לִיעגֶען דָארְטֶען טִיעף בֶּעהַאלְטֶען;
טִיעף בֶּעהַאלְטֶען — דָאךְ וֶועל אִיךְ זֵיי
פוּן דֶער עֶרְד צוּרִיק אוֹיסְגְרָאבֶּען —
מִיט פֶערְשְׁטָארְבֶּענֶע וֶועהְן זִיךְ וִויעדֶער,

אָ, פִּיעל נַחַת וֶועל אִיךְ הָאבֶּען!
כְ'הָאבּ דִי גְרוֹיסֶע וֶועלְט פֶערְלָאזֶען,
בִּין גֶעפְלוֹיגֶען ווִי אוֹיף פְלִיעגֶעל,
צוּ מַיין שְׁטֶעדְטִיל, וואוּ גֶעשְׁטַאנֶען
אִיז אַמָאל מַיין קִינְדְהֵייטְס וִויעגֶעל.

II.

כְ'הָאבּ דֶערְקֶענְט דִיךְ, לִיעבֶּעס שְׁטֶעדְטִיל,
הָאסְט זִיךְ פִּיעל נִיט אוּמְגֶעבִּיטֶען;
אִיךְ דֶערְקֶען דִי גֶעסְלִיךְ דַייגֶע,
אוּן דֶעם גְרוֹיסֶען מַארְק אִין מִיטֶען,
אַךְ, ווִי טְרוֹירִיג וַוייזְט עֶר אוֹיס מִיר:
אַלֶע הַייזֶער אַלְט גֶעוָוארֶען,
אוּן דִי שוֹיבֶּען פוּן דִי פֶענְסְטֶער
קוּקֶען פִינְסְטֶער, פוּל מִיט צָארֶען!...

*　　*
*

חַיִים לֵייזֶערְ'ס הוֹיז וואוּ אִיז עֶס
מִיט דֶעם גַאנִיק מִיט דֶעם לַאנְגֶען,
וואוּ עֶס פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג הֶערֶען
לוּסְטִיג לַאכֶען אוּן גֶעזַאנְגֶען?
רַייךְ גֶעוֶועזֶען אִיז חַיִים לֵייזֶער

און אַ בַּעַל הַבַּיִת אַן עֶכְטֶער,
אַ פַּרְנָסָה שְׁטִיבּ אַ גְרוֹיסֶע,
און צְוַויי שֶׁענֶע, יוּנְגֶע טֶעכְטֶער.
אִיךְ גֶעדֶענְק דִי עֶלְטְ'רֶע, בֵּיילֶע,
מִיט צְוַויי גְרוֹיסֶע שְׁוַוארְצֶע אוֹיגֶען,
וֶועלְכֶע פְּלֶעגֶען שְׁטֶענְדִיג לַאכֶען
און מַיין הֶערְץ דַאן צוּגֶעצוֹיגֶען.
כ'פְּלֶעג אָפְט קוּמֶען אוֹיפֶ'ן גַאנִיק
אִין דִי זוּמֶער־נֶעכְט צוּ זִיצֶען
מִיט דִי טֶעכְטֶער, מִיט דִי שֵׁיינֶע,
און פְּלֶעג פְרֵיילִיךְ שְׁמֶעסֶען וִויצֶען.
זֵייעֶר לַאכֶען פְּלֶעגְט דַאן קְלִינְגֶען,
ווִי דָאס לִיעד פוּן נַאכְטִיגַאלֶען —
אָךְ וואוּ זֶענְט אִיהְר, לִיעבֶּע טֶעכְטֶער,
אָךְ וואוּ זֶענְט אִיהְר אִיצְט פֶערְפַאלֶען?
שְׁלֶעכְטֶע צַייטֶען! חַיִים לֵייזֶער
אִיז פֶערְאָרִימְט לַאנְג גֶעוָוארֶען,
נָאךְ אַמֶערִיקֶע דִי טֶעכְטֶער
זֶענֶען גְלַייךְ אַוֶועקְגֶעפָאהְרֶען.
דָאס הָאט מִיר דֶערְצֶעהְלְט דִי מוּטֶער,
מִיט פֶערְוֵויינְטֶע רוֹיטֶע אוֹיגֶען:
„מַיינֶע לוּסְטִיגֶע צְוַויי פֵייגֶעל
זֶענֶען אִיבֶּער יַם פֶערְפְלוֹיגֶען!"
„מַיינֶע לוּסְטִיגֶע צְוַויי־פֵייגֶעל!"
הָאט זִי מִיט דִי הֶענְד פֶערְבְּרָאכֶען —

„זֶעהְט וִוי טְרוֹיְרִיג זֶעהְט דִי שְׁטוּבּ אוֹיס,
און דֶער גַאנִיק אִיז צוּבְּרָאכֶען"...

III.

נִיט פֶערְגֶעסֶען אוֹיךְ דֶעם שוּלְהוֹיף,
וואו עֶס שְׁטֶעהְט דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה.
כְּ'הָאבּ בֶּעטְרַאכְט זִי נוּר פוּן וַוייטֶען,
וַוייל פוּן נָאהֶענְט אִיז אַ מוֹרָא...
כְּ'הָאבּ דֶערְקֶענְט דִי אָרְ'מֶע קִינְדֶער —
בָּארְפוּס, נַאקֶעט און דֶערְשְׁלָאגֶען;
מִיט אַ הֶערְץ, פוּל מִיט לֵייד הָאבּ אִיךְ
זֵיי גֶעוָואלְט אַ גוּט וָוארְט זָאגֶען.
„אָ, אִיהְר תַּלְמִיד תּוֹרָה קִינְדֶער!
כְּ'קוּק אוֹיף אַייךְ מִיט פַייכְטֶע אוֹיגֶען —
סְפָרִים טְרָאגְט אִיהְר נִיט אִין רַאנְצֶעס,
וָואס־זְשֶׁע גֶעהְט אִיהְר אַיינְגֶעבּוֹיגֶען?
וֶועלְכֶע שְׁוֶוערֶע מַשָׂא קְרִימְט אוֹיס
יוּנְגֶערְהֵייט נָאךְ אַייֶער רוּקֶען?
אִיז דִי שְׁוֶוערֶע תּוֹרָה שׁוּלְדִיג,
אָדֶער אִיז דָאס בְּרוֹיט צוּ טְרוּקֶען?"
נָאר זֵיי הָאבֶּען נִיט גֶעעֶנְטְפֶערְט,
הָאבֶּען קֶענְטִיג שְׁוַואךְ פֶערְשְׁטַאנֶען;
אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט דִי אוֹיגֶען, פְרַאגֶענְד:
אָ, דִי וַוייכְקֵייט קוּמְט פוּן וַואנֶען?...

אָךְ, דִי אָרְ'מֶע אוּן יְתוֹמִים
זֶענֶען נוּר גֶעוָואהְנְט צוּ ווִילְדֶע
קוֹלוֹת, קְנִיפֶּען אוּן קוּלַאקֶעס,
אָבֶּער נִיט צוּ וֶוערְטֶער מִילְדֶע...

IV.

כְ'הָאבּ גֶעוָואלְט זֶעהְן דֶעם בֵּית הַמִדְרָשׁ,
בִּין אִין אִיהְם אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען —
אַךְ, ווִי הֶערְצְלִיךְ אוּן ווִי פְרַיינְדְלִיךְ
הָאט מִיךְ יֶעדֶער דָארְט עֶמְפְּפַאנְגֶען!
אַ בֶּעקַאנְטֶער, צוּ אַ פְרֶעמְדֶער
הָאט זַיין הַאנְד מִיר אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען
אוּן גֶעזָאגְט „שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם"
מִיט פִיעל לִיעבֶּע אִין דִי אוֹיגֶען.
כְ'הָאבּ דֶערְקֶענְט אַסַךְ בֶּעקַאנְטֶע,
צְווִישֶׁען זֵיי אוֹיךְ חַיִים בֶּער'ן,
מַיין אַמָאלִיגֶען מְלַמֵד —
כְ'הָאבּ דֶערְקֶענְט זַיין גְרוֹיסֶען שְׁטֶערְן
מִיט דִי פִיעלֶע, פִיעלֶע קְנֵייטְשֶׁען,
טִיעפֶער זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארֶען...
„וָואס־זְשֶׁע מַאכְט אִיהְר לִיעבֶּער רֶבִּי,
ווִי הָאט אִיהְר גֶעלֶעבְּט דִי יָאהְרֶען?
אַךְ, בַּיי טָאג אִין שׁוּהְל וָואס טְהוּט אִיהְר?
סְ'אִיז מִיר עֶפֶּעס נִיט גֶעפֶעלֶען,

אָדֶער װֶענְט אִיהְר ַרייך גֶעװָארֶען
און הָאט אױפְגֶעהֶערְט צו קְנֶעלֶען ?
לִיעבֶער זוּהְן ! הָאט עֶר גֶעעֶנְפֶערְט —
כְ'בִּין נִיט ַרייכֶער, סְ'הָאט ַמיין צֶעטִיל
נִיט גֶעװִינֶען, דָאך בִּין אִיך שױן
אױס מְלַמֵד אִין ַמיין שְׁטֶעדְטִיל.
לִיעבֶער זוּהְן ! אױף אוּנְזֶ'רע יוּדֶען
קוּמְט אַ צָרָה נָאך אַ צָרָה ;
אָ, נִישְׁטָא שױן יֶענֶע יָאהְרֶען —
קֵיינֶער ַדארְף שױן ֵקיין גְמָרָא.
מְ'לֶעהְ ִרינְט אױס נָאר אִיצְט דֶעם יוּנְגֶעל
עֶפִּים ַדאװְנֶען, עֶפִּים בְּרָכָה,
און אָ װֶעה ! נָאך ַפאר ַבּר מִצְוָה
װֶערְט פוּן אִיהְם אַ ַבּעַל מְלָאכָה!"
— װָאס־זְשֶׁע טוּט אִיהְר, לִיעבֶער רֶבִּי,
װאוּ־זְשֶׁע נֶעמְט אִיהְר זִיך צוּם לֶעבֶּען ?
„כְ'הָאבּ פֶערְקױפְט, ַמיין זוּהְן, דָאס שְׁטִיבֶּעל
און ַמיין טָאכְטֶער אױסְגֶעגֶעבֶּען.
לָאזֶען זִיטְצֶען אִיז ֵקיין תַּכְלִית —
זְ'אִיז גֶעװֶען אַ שֵׁיינֶע בְּתוּלָה
נוּר אִין אָרִימְקֵייט — װָאס הֶעלְפְט עֶס ?
שֶׁעהְן אָהְן גֶעלְד אִיז נִיט ֵקיין פְּעוּלָה.
ַפאר אַ ַבּעַל מְלָאכָה... מֵילָא...
נוּר פֶערְדֶעקֶען מִיט אַ שְׁלֵייעֶר..."
— אָבֶּער פָארְט װָאס טְהוּט אִיהְר אִיצְטֶער? —

כְּ׳זוּפּ בַּיי טָאג אַבִּיסֶעל זוֹהַר".
נֵיין — אִיךְ מֵיין פוּן וַואנֶען לֶעבְּט אִיהְר ?...
פְּרֶעג, מֵיין זוּהְן, נִיט — לָאז צוּפְרִיעדֶען —
מִיט דֶעם בּוֹרֵא׳ס הִילְף — עֶס לֶעבְּט זִיךְ,
וִוי עֶס לֶעבֶּען אַלֶע יוּדֶען...

V.

אִין בֵּית מֶדְרָש אִין אַ וִוינְקֶעל
הָאט אַ יוּנְגֶעל זִיךְ פֶּערְקְלִיבֶּען
אוּן מִיט גְרוֹיס גֶעפִיהְל, הַתְּמָדָה
הָאט עֶר עֶפִּיס דָארְט גֶעשְׁרִיעבֶּען.
כְּ׳הָאבּ בֶּעטְרַאכְט אִיהְם — הוֹיט אוּן בֵּיינֶער
אוּן דִי בֶּעקְלִיךְ אֵיינְגֶעצוֹיגֶען,
הָאט קֵיין צֵייכֶען פוּן אַ פָּנִים
נוּר עֶס פִינְקְלֶען זַיינֶע אוֹיגֶען.
אִיךְ בִּין צוּ אִיהְם צוּגֶעגַאנְגֶען
אוּן גֶעפְרֶעגְט: וָואס שְׁרַייבְּסְט דוּ לִיעבֶּער ?
עֶר הָאט זִיךְ פֶּערְשֶׁעמְט, דֶערְשְׁרָאקֶען
אוּן גֶעצִיטֶערְט וִוי אִין פִיבֶּער.
גָאר נִישְׁט — הָאט עֶר קוֹים גֶעעֶנְפֶערְט —
כְּ׳הָאבּ זִיךְ לִיעבּ צוּ מָאהְלֶען תָּמִיד...
כְּ׳מָאל פוּן גְרוֹיסֶע לַייט דִי בִּילְדֶער —
אוֹיךְ מֵיין אַרְבֵּייט אִיז דֶער עָמוּד...
אִין דֶער הֵיים אִיז עֶנְג אוּן פִינְסְטֶער
אוּן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער שְׁרַייעֶן

שרייב איך דא מיר אין בית מדרש —
כ'מאל איצט... „הבל'ן הרג'ט קין"...
ס'האט געזעהן אמאל דער דאקטער
מיינע ארבייט, די פאפירען —
כ'וואלט א „לייט" געוועזען, זאגט ער
ווען געקענט וואלט איך שטודירען.
ס'האט מיין טאטע שטארק צעלאכט זיך
אויף דעם דאקטער'ס רייד און גאנצען
מיין זוהן שיקען אין די קלאסען, —
אפשר זאל איך געהן יעצט טאנצען..."

VI.

טרויריג בין איך פון בית מדרש
און בעטריבט ארויסגעגאנגען,
פול מיט וועהמוטה, פול מיט זארגען,
פול מיט נארישען פערלאנגען...
כ'האב געלאזען געהן זיך ווייטער
געהן און געהן... איך זאל פערגעסען
מיינע שווערע גרויסע ליידען
וועלכע דריקען מיך און פרעסען.
געהענדיג פערטיעפט אין טרויער
בין איך צו דעם טייך געקומען
און א טיעפער, זיסער קומער
האט מיין זעלע דורך גענומען.
זיי געגריסט מיר, ליעבעם טייכעל,

אָ, ווי פלעג איך נאך דיר בענקען,
שטעהענדיג ביי גרויסע ימים
פלעג איך דארט אויך דיך געדענקען.
רוהיג שטיל פליסט דיינע וואסער
ביי דיר קאכען ניט קיין חוואליעס,
דיינע שיפען — שטיקלעך שמאטעס
שווימען — צייכענס פון דעם דלות.
זומער צייט אין דיינע וואסער
וואלט א תענוג ווער געפינען
טריקענסטו דאן אויס אין גאנצען
דיינע וואסער ווערט ענטרינען...
ווינטער צייט ווערסטו פערפרוירען
און מיט מיסט פערדעקט, פערשאטען...
דאך האב איך דיך ליעב מיין טייכעל
כ'וואלט פון דיר ניט אבגעטרעטען.
אמת כ'האב געזעהן שוין טייכען,
וואו די חוואליעס ווארפען, ברומען
וואו דאס וואסער — שטארק און מעכטיג,
דאך בין איך צו דיר געקומען.
יא, צו דיר האט מיך געצויגען,
דארט בין איך געווען א פרעמדער —
איך געדענק, ווי ביי דיין וואסער
פלעגט מיין מוטער וואשען העמדער...
און דערמאן מיך אין מיין מוטער
ווערען ד'אויגען פול מיט טרערען...

נֶעם זַיי צוּ צוּ דִיר, לִיעבּ טַייכֶעל,
וֶועסְטוּ טְרוּקֶען קֵיינְמָאל וֶוערֶען...

VII.

קוּמֶענְדִיג אַ הֵיים, צוּם זֵיידֶען,
דָארְט אִיז מַיין קְוַאטִיער גֶעוֶועזֶען —
הָאט דִי בַּאבֶּע מִיר אַ גַאנְצֶע
לֶעקְצִיֶע אָנְגֶעהוֹיבֶּען לֶעזֶען:
וואוּ בִּיזְטוּ דָאס אוֹיסְגֶעוֶועזֶען?
אוּן אוּנְז הָאסְטוּ גָאר פֶערְגֶעסֶען;
הָאסְט זִיךְ נוּר דֶערְמַאנְט צוּ קוּמֶען
וֶוען פֶערְוָואלְט הָאט זִיךְ דִיר עֶסֶען...
מֵילָא אִיךְ בִּין דִיר עֶס מוֹחֵל —
הָאט זִי לִיעבְּלִיךְ צוּגֶעגֶעבֶּען —
בִּיזְט אַ יוּנְגֶערמַאן, עֶס ווִילְט זִיךְ
אוּם שְׁפַּאצִיעֶרֶען, סְ'ווִילְט זִיךְ לֶעבֶּען.
אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַמָאל גֶעוֶועזֶען
יוּנְג אוּן לִיעבּ גֶעהַאט צוּ שְׁפִּיעלֶען;
אַךְ וָואס אִיךְ פְלֶעג אוֹיסשְׁפַּאצִיעֶרֶען
אוּן קֵיין מִיעדִקֵייט קֵיינְמָאל פִיהְלֶען.
אִיצְטֶער... אוֹים? נָאר אִין מַחְשָׁבוֹת
כְ'הָאבּ פֶערְרֶעדְט זִיךְ אוּן פֶערְגֶעסֶען
בִּיזְט אַ הוּנְגֶערִיגֶער נֶעבִּיךְ,
נֶעהְם אוֹיף גִיךְ אוּן וַואשׁ זִיךְ עֶסֶען.
גוּט הָאט מִיר גֶעשְׁמֶעקְט דֶער בָּאבֶּעס

אִיהֶרֶע אֵיינְפַּאכִיגֶע שְׁפֵּייזֶען:
שְׁמַאלְץ מִיט רֶעטִיךְ... אִין דֶער פְּרֶעמְד דָאךְ
הָאבּ אִיךְ נִיט גֶעקֶענְט סְ'דֶערְוַויְיזֶען.
לַאכְט אַייךְ בְּרִידֶער פוּן דֶעם מַאֲכָל,
וָואס אִיהְר ווִילְט דָאס זָאגְט אוּן רֶעדְט אַייךְ —
אִיךְ בִּין דָאךְ בַּיי מַיינְס — עֶס שְׁמֶעקְט מִיר
אוּנְזֶער מַאֲכָל — שְׁמַאלְץ מִיט רֶעטִיךְ...
„אוּן אוֹיף פְלֵייש הָאט מִיר דִי בָּאבֶּע
ווַייךְ גֶעזָאגְט — נִיט הָאבּ פֶּערַאִיבֶּעל —
ווֶעסְט אִין שְׁטָאדְט אַלוֹיט נִיט קְרִיעגֶען"
זָאלְסְט בֶּעצָאהְלֶען חָאטְשׁ אַ רוּבֶּעל
דִי קַצָבִים ווֶי יֶנֶען קְלָאגֶען
ווִילֶען מַאכֶען אַיין אֲסֵיפָה:
צֶעהְן שְׁטִיק הָאבֶּען זֵיי גֶעקוֹילֶעט,
אוּן גֶעמַאכְט הָאט דֶער רָב טְרֵיפָה...

VIII.

שַׁבָּת פְּרִיה בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען
אִין בֵּית מֶדְרָשׁ מִיט'ן זֵיידֶען,
אִין דֶעם זֶעלְבִּיגֶען בֵּית מֶדְרָשׁ,
ווָאוּ אִיךְ הָאבּ אַמָאל אִין פְּרֵיידֶען
אִין מַיין קִינְדְהֵייט נָאךְ גֶעדַאוֶוענְט
מִיט'ן טַאטֶען פוּן אֵיין סִידוּר...
אוּן דֶערְמַאהְן אִיךְ יֶענֶע צַייטֶען
הֶעבְּט דָאס הֶערְץ אָן פְּרֶעהֶען ווִיעדֶער...

און עס הייבט אָן מעכטיג קלאַפּען
און צו ווייגען און צו בעטען...
און איך פיהל מיך, ווי מלאָכים
וואָלטען קישען מיך און גלעטען.
אין דעם זעלביגען בית מדרש —
אָט דערקען איך זי, די בימה,
וואו דער חזן זינגט, צוגיסט זיך
אויף זיין טרויריג זיסער, שטימע.
אָך, ווי טרויריג זינגט דער חזן!
ס'העלפט איהם אונטער נור איין בחור —
וואָס־זשע ווייגט ער? אויף דעם אפשר
וואָס עס קלעקט איהם ניט דער „וואָכער"?
אָ, וואָס רייסען זיך די טענער
מיט אַזאַ געבעט אין ברומען?
אפשר וואָס די שכירות זיינע
איז פון גבאי שווער בעקומען?
אָ וואָס שפּרייט ער זיינע הענד אויס
און ער בעט זיך ביי דעם עולם?
אפשר ווייגט ער וואָס זיין האָפנונג
איז נאָר אַלול דער בית עולם?...
נאָר געענדיגט האָט דער חזן,
אויסגעזונגען זיך אַ חיות,
אָנגעהויבען האָט דער גבאי —
צו פערקויפען די עליות
ווי אַמאָל... ניט אומגעביטען!

הָאט מֶען נָאךְ דֶעם טַארְג דֶעם ווִילְדֶען ;
און סְ'פֶערְקוֹיפְט זִיךְ מֹשֶה'ס תּוֹרָה
אוֹיפְ'ן רוּבֶּעל, אוֹיפְ'ן גִילְדֶען.
שִׁישִׁי אִיז נָאךְ אַלֶץ אַ יַקְרוֹת
און דֶער מֶקַח בְּרֶענְט פְלַאם־פַייֶער...
און רְבִיעִי און חֲמִישִׁי
אִיז נָאךְ עַד הַיּוֹם נִיט טַייֶער.
יָא צוּ שִׁשִׁי נָאךְ עַד הַיּוֹם
הָאט ר' בֶּער אַ גְרוֹיסֶע תַּאֲוָה,
אָט־אָ קְרִיכְט עֶר אוֹיפְ'ן בִּימָה
און עֶר בְּלָאזְט פוּן זִיךְ מִיט גַאֲוָה!
און עֶר גֶעהְט אַרָאפּ פוּן בִּימָה
גְלֶעטֶענְדִיג דָאס גְרָאבֶּע בַּייכֶעל,
ווִי גֶעזָאגְט ווָאלְט עֶר: רַבּוֹתַי
שִׁשִׁי אִיז אַ גְרוֹיסֶער מַאֲכָל!
עֶפִּים פִיהְל אִיךְ מִיךְ נָאךְ שִׁשִׁי —
בִּין אַ בַּעַל בַּיִת אַ יוֹסְטֶער
בִּין ר' בֶּער... אִיהְר קֶענְט ר' בֶּערְ'ן!
נִיט קֵיין שְׁנַיידֶער, נִיט קֵיין שׁוּסְטֶער...
און דִי שְׁנַיידֶער און דִי שׁוּסְטֶער
קוּקֶען אוֹיף ר' בֶּער מִיט קִנְאָה...
שִׁשִׁי ווִילְט זִיךְ זֵיי פֶּערְזוּכֶען
און עֶס רִינְט בַּיי זֵיי דִי סְלִינֶע...
אָ פַאר ווָאס אִיז זֵיי בֶּעשֶׁערְט נָאר
מָאגֶערֶעס דָאס גַאנְצֶע לֶעבֶּען ?

חָאטְש אַ שְׁטִיקְעל פֶּעטֶע תּוֹרָה
דָאס אוֹיךְ ווִיל מֶען זֵיי נִיט גֶעבֶּען?!

IX.

זוּנְטָאג פְרִיה בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען
אוֹיפְ'ן מַארְק הִין הֶער אוּן ווִיעדֶער,
צוּ בֶּעקוּקֶען אוּן בֶּעטְרַאכְטֶען
פוּן וָואס לֶעבֶּען מַיינֶע בְּרִידֶער.
אַ, דֶעם גְרוֹיסֶען מַארְק פוּל בְּלָאטֶע
הָאט מֶען אוּנְז אַוֶועק גֶעגֶעבֶּען;
גֶעמְט מֶען צוּ דֶעם מַארְק פוּל בְּלָאטֶע,
גֶעמְט צוּ אוֹיךְ אוּנְזֶער לֶעבֶּען...
צְווִישֶׁען פִיעלֶע נַייֶע קְרֶעמֶער
הָאבּ אִיךְ קוֹים דֶערְקֶענְט נוּר אֵיינֶע,
זָאל דָאס ווַייבֶּעל זַיין דֶען רָחֵל,
זָאל עֶס רָחֵל זַיין דִי שֶׁענֶע?
רָחֵל, רָחֵל — בְּנֶאֱמָנוּת!
אִיךְ דֶערְקֶען זִי נָאךְ פוּן ווַייטֶען —
חָאטְש זִי הָאט זִיךְ אוּמְגֶעבִּיטֶען
גָאר נִיט דִי פוּן יֶענֶע צַייטֶען,
ווֶען אִיךְ בִּין צוּ הוֹיז גֶעוֶועזֶען
אוּן גֶעקֶענְט זִי נָאךְ אַלְס פְרֵיילֵיין...
אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אִיהְרֶע אוֹיגֶען
מִיט דִי בְּלִיקֶען, ווִי דִי פַיילֶען.
רָחֵל רָחֵל, לִיעבֶּע רָחֵל!

בִּין אִיךְ צוּ אִיהְר צוּ גֶעלָאפֶען —
בִּיזְט אַ קְרֶעמֶערִין גֶעוָוארֶען ?
אָ ווִי הָאט זִיךְ עֶס גֶעטְרָאפֶען ? !
אַךְ, דֶערְצֶעהְל מִיר, לִיעבֶּע רָחֵל,
וָואס הָאט דִיךְ גֶעבְּרַאכְט צוּ דַאנֶען ?
בִּיזְט גֶעוֶוען אַ שְׁטָאלְצֶעס פְרֵייילֵיין,
אוּן פְלֶעגְסְט לֶעזֶען אָפְט רָאמַאנֶען.
אוּן דַיין פְרֵייעֶ בְּרוּסְט — פוּל לֶעבֶּען,
פְלֶעגְט זִיךְ לֶעזֶענְדִיג אוֹיפְהֵייבֶּען,
אוּן מִיט דַיינֶע שְׁוַוארְצֶע אוֹיגֶען
פְלֶעגְסְטוּ קוּקֶען וַוייט, אוּן גְלוֹיבֶּען.
אִיךְ גֶעדֶענְק דָאךְ דַיינֶע טְרוֹימֶען,
פְלֶעגְסְט זִי עֶפְטֶער מִיר פֶערְטְרוֹיעֶן,
אוּן אַ וֶועלְט פוּל גְלִיק אוּן לִיעבֶּע
פְלֶעגְסְטוּ דַאמָאלְס זִיךְ אוֹיפְבּוֹיעֶן.
אוּן דֶעם וֶועג צוּם צוּקוּנְפְט הָאסְטוּ
אוֹיסְגֶעשָׁאטֶען פוּל מִיט בְּלוּמֶען;
וואוּ־זְשֶׁע זֶענֶען דַיינֶע גְלִיקֶען
וַוי בִּיזְטוּ דֶערְצוּ גֶעקוּמֶען ?
אִין אַ קְרֶעמֶעל עֶנְג אוּן פִינְסְטֶער
זִיצְטוּ אִיצְט פֶערְדֶעקְט מִיט טְרוֹיעֶר,
אוּן דִי שֵׁיינֶע אוֹיגֶען דַיינֶע
קוּקֶען אוֹיסְ'עט אוֹיף אַ בּוֹיעֶר...
אוּן דִי זִיסֶע שְׁטִימֶע דַיינֶע
וֶועלְכֶע פְלֶעגְט רָאמַאנִיסֶען זִינְגֶען,